**אנווייזונגען און אפט געפרעגטע פראגעס**
**שליכטונג (מאכן אן אפמאך) אויף א פארלעצונג פון אן עסנווארג געשעפט**

**וואס מיינט עס צו שליכטן מיין קעיס?** דורך שליכטן, זענט איר מודה אויף אלע פארלעצונגען אין די אנקלאגע און איר צאלט א קנס קלענער ווי דער מינימום רעקאמענדירטער קנס פאר די פארלעצונגען.

**פארוואס זאל איך שליכטן?** דורך שליכטן און צאלן די פולע סומע פונעם שליכטונג פריער צום הירינג דאטום, דארפט איר נישט ערשיינען פאר א הירינג און איר טוט אויסמיידן די מעגליכקייט פון צאלן א העכערע קנס נאכדעם וואס דער הירינג באאמטער הערט אויס אלע באווייזן אין דעם קעיס.

**ווער איז בארעכטיגט פאר שליכטונג?** שליכטונגען ווערן יעצט פארגעלייגט צו רעספאנדענטס ביי עסנווארג סערוויס געשעפטן צו וועמען מען האט געשיקט אנקלאגעס.

**ווען קען איך שליכטן?** די OATH Hearings Division ("Tribunal") וז דערהאלטן אייער צושטימונג צו שליכטן (דורכן פאסט, פערזענליך, אדער אנליין), וואס זאל ענטהאלטן באצאלונג פון די פולע סומע פון שליכטונג, פריער צו אייער באשטימטן הירינג. אויב דאס צושטימונג צו שליכטן און די באצאלונג ווערן נישט דערהאלטן פריער צום הירינג דאטום, וועט איר אדער א פארשטייער ווערן געפאדערט צו ערשיינען ביים הירינג.

**ווען איז באשטימט צו צאלן?** באצאלונג פון די פולע סומע פון שליכטונג איז באשטימט צו זיין ווען איר טוט אריינגעבן אייער צושטימונג צו שליכטונג. דער קעיס ווערט נישט גערעכנט אלץ געשליכטעט ביז איר באצאלט די פולע סומע פון שליכטונג.

**אויב איך טו שליכטונג, ברויך איך נאך זיך באגעגנען מיט א הירינג באאמטער פאר א הירינג?** ניין. ווען איר טוט שליכטן און צאלט די פולע סומע פון שליכטונג פריער צום הירינג דאטום און צייט, זענט איר מודה אין די פארלעצונגען וואס געפינען זיך אין די אנקלאגע און איר דארפט נישט ערשיינען פאר א הירינג.

**קען איך פארלאנגען א הירינג אדער אפעלירן נאכן שליכטן?** ניין. איר קענט נישט פארלאנגען א הירינג אדער אפעלירן נאכן צושטימען צו שליכטונג. דורך שליכטן, פארגעבט איר אייער רעכט צו א הירינג בעפאר א הירינג באאמטער און אויף אייער רעכט צו אפעלירן.

**ווי אזוי קען איך צושטימען צו א פארגעלייגטע שליכטונג?** איר קענט צושטימען צו א פארגעלייגטע שליכטונג דורכן צאלן די פולע סומע פון שליכטונג דורך די פאסט, פערזענליך ביי די OATH Hearings Division, אדער אנליין אויף NYC ביזנעס עקספרעס (NYC Business Express) (www.nyc.gov/businessexpress):

1. אנליין: איר קענט צושטימען צום פארלייגונג פון שליכטונג (און באצאלן נוצנדיג א קרעדיט אדער דעביט קארטל) אנליין גייט צו www.nyc.gov/business און וויילט אויס "Violations" (פארלעצונגען) פון די מעניו.

2. דורך די פאסט: אייער צושטימונג צו שליכטונג און באצאלונג פון די פולע סומע פון שליכטונג מוז ווערן דערהאלטן דורך די טריבונאל פריער צו אייער באשטימטע הירינג. שיקט א קאפיע פון די אויסגעפולטע איבערשטע טייל פון אייער צושטימונג צו שליכטונג פארם, מיט א טשעק אדער געלט-ארדער פאר די פולקאמע סומע פון שליכטונג צו ווערן באצאלט צו "NYC Department of Finance" צו:

   OATH Hearings Division
   Church Street Station
   P.O. Box 4466
   New York, NY 10261-4466

3. פערזענליך: פילט אויס די איבערשטע טייל פון די צושטימונג צו שליכטונג פארם. ברענגט עס מיט אייער באצאלונג צום OATH הירינגס אפטיילונג פריער צו אייער באשטימטע הירינג, און לאזט וויסן די אויפנעם דעסק אז איר ווילט צאלן די סומע פון שליכטונג. איר קענט צאלן מיט א טשעק, א געלט-ארדער, אדער קרעדיט אדער דעביט קארטל. דער דאטום פון אייער הירינג און דער אדרעס פון OATH איז אויף אייער אנקלאגע.